אַ וואָך מיט י. ל. פּרץ

פאַראיאָהרען פּסח איז דאָס געוועזען.

נאָך אַ שווערער שלאַפקייט און נאָך אַ לאַנגער קוראַציע אין די וואַרעמע לענדער, בין איך געקומען קיין וואַרשאַ. אַ סך פריינד און גוטע פריינד האָבען מיך אָפּגעוואַרט אויפ'ן באַהנהויף, און צווישען אַלע פּרץ און דינעזאָהן.

ווער עס האָט געקענט פּרץ'ען, האָט זיך גאָרנישט געקענט פאָרשטעלען פּרץ'ען אָהן דינעזאָהנ'ען. אַ ריהרענדע חבר'שאַפט! אַ מאָדנע ליעבשאַפט! און ניט פון נעכטען איז דאָס געווען, און ניט פון פאַראיאָהרען. נאָך מיט אַכט און צוואַנציג יאָהר צוריק, אַז איך האָב געהאַלטען ביי אַרויסגעבען מיין ערשטעס יאָהרבוך „די אידישע פאָלקסביבליאָטהעק“ און פּרץ האָט מיר צוגעשיקט קיין קיעוו זיין באַלאַדע „מאָניש“, איז תיכף נאָך פּרץ'עס בריעף אָנגעלאָפען אַ בריוועל פון וואַרשאַ, פון דינעזאָהן, וואו ער פרעגט זיך נאָך אויף דעם „אויפגעהענגטען שטערן“, און אַז איך האָב איהם געענטפערט, אַז איך בין פון דער באַלאַדע ענטציקט און אַז דער אויטאָר שיינט צו זיין אַ גרויסער טאַלאַנט, איז קיין מעהר גליקליכער פון דעם דינעזאָהן אויף דער וועלט ניט געווען. ער, דינעזאָהן, ניט פּרץ, האָט מיר שוין צוגעשיקט נאָכדעם אַ גאַנצע „טעטראַד“ מיט קליינע ערצעהלונגען פון י. ל. פּרץ, פון וועלכע ס'איז גרינג געווען אויסצוקליבען און אָפּצודרוקען אַזעלכע זאַכען, ווי דער „חעלעמער מלמד“, „וועגנום און שולמית“ און דערגלייכען. פון דעמאָלט אָן און ווייטער איז אַלץ, וואָס פּרץ האָט אַרויסגע־וואָרפען (איך וועל שפּעטער זאָגען פאַר וואָס איך בענוץ דאָס וואָרט „אַרויסגעוואָרפען“), איז דאָס געגאַנגען דורך דינעזאָהנ'ס הענד.

אַז דינעזאָהן איז געווען זיין ביזנעס־סעקרעטער, ווי עס הייסט ביי אייך, אָדער פינאַנץ־מיניסטער, ווי מיר האָבען איהם, בדרך

ליצנות, גערופען — פון דעם איז אפּגערעדט, וואָרום אין געלד־זאַכען איז פּרץ געווען, לויט דינעזאָהנ׳ס אָפּשאַצונג, ערגער פון אַ קינד, אַ קינד, וואָס דאַרף האָבען אַ מאַמע. און אין דינעזאָהנ׳ען האָט פּרץ געפונען אַ מאַמע, אַ געטרייע, איבערגעגעבענע מאַמע, וואָס איז גרייט געווען זיך מוסר־נפש זיין פאַר איהם אַלע מינוט. און גאָט זאָל אייך היטען זאָגען אַ שלעכט וואָרט וועגען פּרץ׳ען אין דינעזאָהנ׳ס געגענוואַרט! און ניט נאָר זאָגען — טראַכטען שלעכטס וועגען פּרץ׳ען האָט שוין געהייסען אַ בעלעדיגונג, אַ פערשוועכונג. די וואַרשאַווער לצים אפילו האָבען זיך געוויצעלט איבער דעם, און דינעזאָהן האָט געוואוסט, אַז לצים וויצלען זיך, און האָט זיך געמאַכט דערפון: „דערוויף זענען זיי לצים, זיי זאָלען זיך וויצלען". ער האָט געטהאָן זיין זאַך באמונה, נישט געלאָזט קיין שטויב זאָל אויף איהם פאַלען. און טאָמער האָט ער געזעהען ביי עמיצען אַ שענס, און טאָמער האָט איהר איהם דערצעהלט עפּיס אַ גוטע זאַך, האָט ער זיך באַלד דערמאַנט, אַז ביי פּרץ׳ען איז אַ סך בעסער. עס איז דערגאַנגען אַזוי וויית, אַז בשעת פּרץ איז פערגאַנגען מיט אַ נייער זאַך, האָט מען דאָס געקאָנט אַרויסזעהן אויף דינעזאָהנ׳ס פּנים, און אַז פּרץ האָט די נייע זאַך אָנגעשריבען, האָט דינעזאָהנ׳ס פּנים געשיינט ווי די זון.

די בעסטע אילוסטראַציע דערצו איז אַ בריעף פון פאַר־צוויי־יאָהרען. די ערשטע העלפט איז פון י. ל. פּרץ, די אַנדערע העלפט פון יעקב דינעזאָהן, וואָס קוועלט אָן פון זיין ליעבען, טייערען פּרץ, און, ווי אַ פערליעבטע מוטער, האָט ער איבערגעצעהלט אפילו די שורות — גאַנצע זעכס שורות מיט אַ האַלבע — „אַ גבורה פון אַ אידען!"...

אָט האָט איהר דעם בריעף:

„12—1, 1913.

„ליעבער, ליעבער שלום־עליכם,

איך בין בטבע אַ פיינד פון בריעף־שרייבען. אָבער דיין צושריפט צו דינעזאָהנ׳ס בריעף האָט מיך שרעקליך געריהרט. וואָס

זאָל איך דיר אָבער שרייבען? איך לעז אַלץ וואָס דו שרייבסט, אפילו וועגען אונזער בעקאַנטען פ... איך לעז און בעוואונדער... און וואָלט זעהר געוואָלט, דו זאָלסט געזונד ווערען. זיי געזונד!

דיין, י. ל. פּרץ".

„וואָס זאָגט איהר, אפשר ניט א גבורה פון א אידען? גאַנצע זעכס א האַלב שורות אויפשרייבען, שוין מיט דער אונטערשריפט! און גלויבט מיר, ליעבער שלום עליכם, ווער עס קען פרצ'ען ווייסט, אז דאָס איז באמת זיך אָנגעטהאָן א כח פון זיין זייט. געדענקט זשע, זעהט וואָס גיכער פאַלקאָם געזונד צו ווערען. האָפט און ווילט אין גיכען צו אונז אין וואַרשא צו קומען. עס האַלט ביי'ם נעבוירען ווערען ביי מיר א פּלאַן. מיר, דאָס איז טייטש: איהר, פרץ און איך, זאָלען מיר פאָהרען קיין ארץ־ישראל, א קוק טהון, א טראַכט טהון און א דערצעהל טהון פון דאָרט אַלץ, וואָס מיר וועלען מיט אונזערע אויגען דאָרט זעהען בחוש און מיט'ן הארצען דורכפיהלען, טרעטענדיג אויף די ערד, פון וועלכער מיר שטאַמען, אין וועלכער עס זענען בעהאַלטען אַלע אונזערע גייסטיגע וואָרצלען, און צו וועלכער אונזערע תפילות און האָפנונגען זענען געווענדעט.

איך בעט אייך, ווערט באַלד געזונד! חוץ אַלץ וויל איך גלאַט אזוי אויך ניט, איהר זאָלט קראַנק זיין — טאָ זייט־זשע בעסער געזונד, חאָטש מיר און פּרצ'ען צוליעב. אונז טהוט וועה, אז איהר שרייט נעבאך פון יסורים. אונז קלעהמט דאָס הארץ, אז מיר דערמאָנען זיך, ווי איהר פיהלט אייך אַצינד, דעריבער ווילען מיר, דעריבער בעטען מיר אייך, טהוט אונז צוליעב און ווערט טאַקי באַלד באמת געזונד און שטאַרק.

דאָס הארץ אונזערס בעט אויך נאָט א רפואה שלמה פאַר אייך, פאַר אייער פרוי און ליעבע טהייערע קינדער. צום גיכען זעהען זיך געזונדערהייט,

אייער י. דינעזאָהן."

ווי איהר זעהט פונ'ם בריעף, איז נאָר איין וואונש געווען ביי זיי ביידע — איך זאָל זיין געזונד. דאָס פאָהרען מיט זיי אין דרייען אין ארץ־ישראל — דאָס, דאַרף מען פערשטעהן, איז געווען מעהר ניט אז א לעקאכעל, ווי מע זאָגט צו א קראַנק קינד. דער עיקר — איך זאָל געזונד ווערען — „חאָטש מיר און פרצ'ען צוליעב"... און איך האָב זיי צוליעב געטהאָן — און בין געזונד געוואָרען און געקומען צו פאָהרען אויף די אנדערע טעג פסח קיין ווארשא און אריינגעפאַלען אין די ברייטע געזונדע אָרעמס פון דעם ריעז י. ל. פרץ און אין די קליינע דאַרע הענטלעך פונ'ם קליינ־טשיקען גוטינקען אייביג־פערליעבטען יעקב דינעזאָהן — און מיט די צוויי האָבען מיר זיך שוין ניט געשיידט א וואָך כסדר. ווי אָרום א ציטעריג קינד, זענען זיי די גאַנצע צייט ארומגעגאַנגען אָרום מיר, געהיט, איך זאָל מיך, חס ושלום, ניט פערקיהלען. אזוי ווייט, אז אויפ'ן רעסעפשאָן, וואָס דער „הזמיר" האָט מיר געגעבען (פרץ איז געווען דער פרעזידענט פון „הזמיר"), האָט פרץ ניט געלאָזט מיך זיצען מעהר ווי עטליכע מינוט, חאָטש ער אליין איז געווען דער רעדנער פון מיין כבוד וועגען, — און וועל־כער רעדנער וויל עס ניט, מע זאָל איהם הערען?... ס'איז אָבער געווען ענג און היים, „א ו ן ד ע ר א י ז ב י י א ו נ ז א צ י ט ע ר י נ ג ע ר, א י י ן א פ ג ע ש ר י נ ע נ ע ר" — אזוי האָט גע'טענה'ט פרץ, אָנווייזענדיג אויף מיר מיט אמת'ער ליעב־שאַפט פון איין עלטערען ברודער.

איך שטרייך־אונטער די דאָזיגע ווערטער מיט א בעזונדער כונה, ווייל ווער עס האָט געקענט פרצ'ען פערזענליך, דער ווייסט, אז ער איז געווען ווייט פון סענטימענטען, פונקט דער היפך פון זיין מאמע דינעזאָהן, וועלכער איז א מאמע צו אלע שריפטשטעלער, צו די עלטערע ווי צו די אינגערע. פרץ איז געווען צייטענווייז קאַלט ווי אייז, שטרענג ווי א רבי און שניידענד ווי א מעסער. „שטיוועל פוצען!" — האָט ער געקאָנט געבען א שנייד־אָפּ א יונג א גראַמענמאַכער, וואָס איז געקומען צו איהם מיט א „בינטעל

פּאָעזיע", אַזוי אַז יענער האָט נישט געוואוסט וואו אַ טהיר עפענט זיך. און צוריק, האָט ער אָנגעשמעקט, אַז ס'איז דאָ אַ טאַלאַנט — האָט ער איהם אויפגעהויבען ביז צום הימעל און האָט אָנגעזאָגט דורך דינעזאָהנען אַ בשורה אין שטאָדט, אַז ס'איז געבוירען גע־וואָרען ביי אידען אַ שעקספּיער, אַ ישעיה הנביא, אַ משיח! משיח!... איך מיין, אַז איך האָב קיין טעות ניט, אַז דאָס ערשטע ווערק, וואָס שלום אש האָט אָנגעשריבען, איז דורכגעגאַנגען פערביי פּרץ'עס אויגען, און אַז פּרץ איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געזאָגט אויף שלום אש, אַז ער איז שלום אש...

דאָס אייגענע איז געווען אויך מיט אַנדערע, מיט די יונגערע. און פערשטעהט זיך, אַז ער האָט אָפטמאָל געהאַט אַ מיאוס'ען טעות אויך. נישט אַלע פּורים איז יום טוב, און נישט אַלע תמיד ווערד געבוירען אַ שלום אש. פּרץ האָט זיך אָבער ווינציג־וואָס געקימערט פון אַזעלכע זאַכען — אויסגעלאַכט זיך און פערגעסען. פּרץ איז בכלל געווען אַ נאַטור, וואָס האָט פיינט געהאַט קליינ־ליכקייטען. אַ ברייט ווארעם הארץ, אַ קאָלאָסאַלער קאָפּ, אַ מענש אַ ריעז — אָט דאָס איז געווען דער איינדרוק, וואָס ער האָט געמאַכט; און דער עיקר — אַ פּקח, מיט אויגען פון אַ תלמיד־חכם, טיעפע, בליצענדיגע, גרויסע אויגען, אַ ברייטער בליצענדיגער קוק און אַ מויל, וואָס פערעלט, נעדאַנקען, וואָס ברויזען, זעצען ווי פון אַ קוואַל, און ווערטער אַזעלכע שענע און אַזעלכע געפלינעלטע, אַז ס'איז נאָר געווען אַ וואונדער, פון וואַנען נעמען זיך צו אונזער אַזוי־נערופענער „אַרעמער שפּראַך" אַזוי פיעל פיינע קיילעכיגע פערעלדיגע ווערטער?

איך האָב געקענט פּרץ'ען אַ סך מיט יאָהרען, נאָר איך האָב איהם קיינמאָל ניט געזעהן אַזוי פריש און בליהענד און גלענצענד, ווי פאַר־אַ־יאָהרען פּסח, אין דער וואָך, וואָס מיר האָבען פער־בראַכט אינאיינעם. גלייך ווי דאָס הארץ האָט איהם געזאָגט, אַז דאָס איז אונזער לעצטע וואָך, האָט ער זיך צו מיר בעזונדערס צוגעלאָזט, געגומען אַ בעזונדערען אינטערעס אין מיר און אַנט־

פלעקט פאַר מיר זיין הארץ, די קדשי־קדשים פון זיין נשמה, גע־רעדט פון נייע שאַפונגען... וואָס מיך האָט איבערראַשט — איז די גלייכגילטיגקייט, מיט וועלכער ער האָט אויסגעהערט מיין קריטיק איבער זיינע מיסטישע פּאָעמען אין דער לעצטער צייט. איך האָב איהם גאַנץ אויפריכטיג ארויסגעזאָגט מיין מיינונג וועגען דער „גאָלדענער קייט"; איך האָב איהם געזאָגט, אז איך וועל אוועקגעבען צעהן „גאָלדענע קייטען" פאַר איין מעשה'לע פון זיינע „פאָלקסטהימליכע געשיכטען". האָט ער זיך אויפגעהאַפּט מיט א געשמאַקען הילכיגען געלעכטער: „חאַ־חאַ־חאַ — דינעזאָהן זאָגט אויך דאָס אייגענע!"

דאָס איז די „גאָלדענע קייט", וועלכע פּרץ האָט עטליכע מאָל איבערגעניצעוועט — גאַרנישט פּרצ'עס טבע. פּרץ האָט פיינט געהאַט, ווי, למשל, דער זיידע מענדעלי, זאָל מאריך ימים זיין, אז ער שרייבט־אָן א זאַך, צאַצקעט ער זיך מיט דעם, פיילט דאָס און פּוצט דאָס איבער עטליכע מאָל, איידער ער לאָזט דאָס ארויס פון האַנד, און אז ער לאָזט דאָס ארויס, ציטערט ער איבער דעם, ווי איבער א טייער קינד, שפּיעגעלט זיך אין דעם, זוכט חסרונות, גלעט דאָס אויס נאָך א מאָל — אזוי שאַפט דער זיידע מענדעלי און אזוי שאַפען אייניגע פון זיינע אייניקלעך... נאָר ניט אזוי האָט געשאַפען פּרץ. מיט איין אונגעהייערער שנעליגקייט, אבי ס'איז איהם נאָר געקומען דער רוח־הקודש, האָט ער ארויסגעוואָרפען איין נאָוועלע נאָך דער אַנדערער, און צום ערשטען זענען זיי, פערשטעהט זיך, דורכגעלייענט געוואָרען פאַר יעקב דינעזאָהן, און יעקב דינעזאָהן האָט געפונען, אז אזעלכעס איז גאָך נישט דא געוועזען. דאָס האָט ער שוין פערשפּאַרט זאָגען. דאָס האָט מען שוין געקאָנט זעהן אין זיינע אויגען.

גאָרנישט קוקענדיג דערויף, וואָס איך האָב מיך אזוי וואַכעדיג אויסגעדריקט וועגען זיין ליעבלינג די „גאָלדענע קייט", האָט זיך פּרץ גאַנץ אָפענהערציג מודה געווען פאַר מיר, אז ער האַלט, אז דאָס איז די בעסטע פון אַלע זיינע שאַפונגען, און אז ער וועט

דאָס, מיר און דינעזאָהנען אויף־צו־להכעיס, איבעראַרבייטען נאָך א מאָל, ביז עס וועט אַרויס א כלי שלמה. און תּוך־כּדי־דבור איז ער אַריבערגעשפּרונגען אויף מיר און אויף מיינע אַרבייט מיט אַזוי פיעל וואַרעמקייט און אינטערעס, גלייך ווי ער וואָלט גערעדט פון זיינע אייגענע אַרבייט, און מיט פרייד גערעדט וועגען מיין ערפאָלג, גלייך ווי וועגען זיין אייגענעם ערפאָלג.

איך וויל דענקען, אַז דעם אייגענעם אינטערעס האָט פּרץ געהאַט אין אַנדערע שריפטשטעלער, וועלכע זענען געווען נאָהענט צו זיין האַרצען. און עס קאָן גאָר אַנדערש ניט זיין, וואָרום אויב מיר, שריפטשטעלער, זענען א משפּחה, וואָס בעשטעהט פון טאַטע און מאַמע, שוועסטער און ברידער, פאַר וואָס זאָלען מיר זיין ערגער פון אַלע אַנדערע משפּחות? וואו שטעהט עס, אַז מיר, שריפטשטעלער, בעדאַרפען זיין ענגהערציג, קוקען איינס אויף דאָס אַנדערע, ווי אויף „קאָנקורענטען" פון פערשיעדענע לאַגערען?...

אָט האָט איהר נאָך א בריעף פון פּרצ'ען, פון וועלכען ס'איז צו זעהן, ווי א שריפטשטעלער אינטערעסירט זיך מיט די ווערק פון א צווייטען און וויל, אַז יענעמ'ס שריפטען זאָלען ערשיינען וואָס שענער (עס האָט זיך אונטערהאַנדעלט וועגען איין אויסגאַבע פון אַלע מיינע ווערק אין אילוסטראַציעס):

„ליעבער שלום־עליכם,

איך האָב געהערט, אַז איהר ווילט אַרויסגעבען אייערע זאַכען אילוסטרירט, און אַז מען פּראָפּייניערט אייך דעם יונגען קראַטקע צו דער אַרבייט. און אַזוי ווי איך וואָלט זעהר געוואָלט זעהן אייערע זאַכען אילוסטרירט און האָב דערביי אמונה אינ'ם טאַלאַנט פון יונגען קראַטקע, על כּן שרייב איך אייך מיין דעה און עצה, אַז איהר זאָלט מיט קראַטקע ענדיגען.

אייער י. ל. פּרץ."

מע דאַרף נישט פערגעסען, אַז פּרץ האָט צו יענער צייט אַליין געהאַט אַזעלכע צוועלף בענדער פון זיינע ווערק, און דאָך

האָט איהם געפּרעהט צו זעהן דעם ערפאָלג פון זיין חבר׳ס ווערק, און מיט׳ן גאַנצען הארצען געווינשט, אז דער ערפאָלג זאָל זיין נאָך בעסער, נאָר נישט מורא געהאַט פאַר קאָנקורענץ... „דיין ערפאָלג איז אונזער אַלעמענ׳ס שטאָלץ“ — האָט ער צו מיר געזאָגט אין א מינוט פון השתפכות־הנפש. אין אזעלכע מינוטען האָט פּרץ ליעב געהאַט, ווי איהר זעהט פון זיין ערשטען בריעף, אריבערצו־געהן פון „איהר“ אויף „דו“. דאָס זענען געווען די בעסטע מינוטען ביי פּרצ׳ען...

די וואָך פון פּסח איז אוועקגעגאַנגען, ווי עס געהען אוועק אַלע וואָכען פון א גאַנץ יאָהר, און טאַקי ווידער א מאָל, ווי דאָס הארץ האָט איהם געזאָגט, איז פּרץ נישט אָפּגעטראָטען פון מיר און צוזאַמען מיט דינעזאָהנען האָבען מיר אויסגעמאָסטען ווארשא אין דער לענג און אין דער ברייט, זיך אינדרייען געפּאָטאָגראַפירט, גע׳חלומ׳ט פון אידיש טהעאטער, פון ליטעראַטור, געבויעט פּלענער און לופט־שלעסער, ווי נאָר אין די יונגע יאָהרען — ווער האָט דעמאָלט געקאָנט זאָגען, אז דאָס וועט זיין ביי מיר די לעצטע וואָך מיט פּרצ׳ען?...